

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ"ל
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויגש
תשפ"ג לפ"ק
גליון רנ"ב

**פראגע**

## פארוואס ווערן נישט רוב מענטשן באאיינדרוקט פון די וואונדער וואס מען זעט אינעם מענטשליכן קערפער?

**ענטפער:**

**די** פראבלעם איז אז זיי האבן אנגעהויבן קוקן ווען זיי זענען נאך געווען אן איין-טאגיגער בעבי. דאס קליינטשיג בעבי פון עטליכע טאג אלט האט געהאלטן זיינע פיס פינגערלעך אין זיינע הענט און האט זיך געשפילט מיט זיי. דאן האט ער אויפגעהויבן זיינע פיסעלעך און געקוקט אויף זיינע פיס. אין יענער צייט האט ער נאכנישט געהאט קיין שכל צו אנערקענען די וואונדער, דעריבער איז ער געווארן **צוגעוואוינט** צו קוקן אויף זיינע פיס, אן אריינטראכטן וואס ער זעט. און שפעטער ווען ער האט באקומען שכל איז שוין געווען צו שפעט, ווייל ער איז שוין געווען צוגעוואוינט.

ווען איך ווילט איך עפענען א מאראנץ נעמט איך א וואונדערבארער געצייג; איינס פון די בעסטע אינסטרומענטן אויף דער וועלט – דער דיקער פינגער און דער פינגער-נאגל ביים שפיץ. מען שטעקט אריין דעם נאגל און מען שיילט עס פשוט אפ. דאס איז אזוי אפעקטיוו אז מיר דארפן שטוינען דערפון!

דער פראבלעם איז אבער אז איך האט עס געהאט זינט איך זענט געבוירן, ווען איך האט נאכנישט געקענט גארנישט שעצן, און יעצט איז מען שוין פארטעמפט פון געוואוינהייט.(#318)

**פראגע**

## עס איז דא געזאגט געווארן אז מען דארף אויסנוצן געוועלנליכע ליבשאפטן אויף דער וועלט, כדי צו קענען קונה זיין אהבת ה'. קענט איר געבן א ביישפיל?

**ענטפער:**

**דער** ענטפער איז, מען קען נישט ליב האבן השי"ת דירעקט. ס'איז אוממעגליך; מען דארף גיין שטאפל ביי שטאפל.

טא, צום ערשט דארפט איר אויסנוצן די **נאטירליכע** ליבשאפט וואס איר האט צו אייערע קינדער, און דאן דארפט איר עס אריבערפירן אויך צו אנדערע מענטשן, ווי די חכמים פלעגן אנרופן יעדן איינעם **"בני"** – מיין זון, **"בתי"** – מיין טאכטער; אזוי פלעגן זיי רופן יעדן אידיש קינד, פאר'ן צוועק פון אריבערפירן זייער נאטירליכע ליבשאפט אויך צו אנדערע. און נאך א ווילע, ווען א מענטש האט א הארץ

## ברכת מזל"א טבא

קדם האי גברא יקירא, כתבא רבה, לשונו עט סופר מהיר, אשר פריו יתן בעט"ו מידי שבוע בשבוע לערוך גליון הלז בלו"נ חפיצה, לזכות את עם ישראל, ולהרים קרן התורה והיראה במדה גדושה, ה"ה

הר"ר **אייזיק ליפא מארקאוויטש** הי"ו

לרגל הולדת בנו היקר למז"ט

ויה"ר שירווה רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח, ויזכה להמשיך בפעולותיו הטובות ואך טוב וחסד ירדפוהו כל הימים

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

פול מיט ליבשאפט צו אנדערע מענטשן, דעמאלטס איז ער גרייט צו טראכטן וועגן ליב האבן דעם אויבערשטן.

יעצט, ווערט נישט פארנארט פון פאלשע טענות. קיינער קען נישט ליב האבן השי"ת אויב ער האט נישט ליב קיין מענטשן, עס איז אוממעגליך. מען קען נישט צעטיילן די הארץ אויף חלקים. אויב איר האט ליבשאפט אין אייער הארץ, קענט איר ליב האבן דעם באשעפער, טאמער איז נישט דא דארט קיין ליבשאפט, קענט איר נישט ליב האבן דעם אויבערשטן.

אדער האט איר ליב יעדן – אבער דאס מיינט נישט ליב האבן רשעים, ווייל ליבשאפט צום אויבערשטן פארלאנגט אז מען זאל **נישט** ליב האבן זיינע שונאים – אבער עס פארלאנגט יא צו ליב האבן אלע אידן. אויב קענט איר נישט ליב האבן אלע פרומע אידן, דאן קענט איר נישט האבן אמת'ע אהבת ה'.

דעריבער איז ליבשאפט צו קינדער א **לייטער**! עס איז איינס פון די **ראנגען** אויף וועלכע איר שטייגט צו קענען צוקומען צו אהבת ה'. עס איז די גרינגסטע צו ליב האבן די אייגענע משפחה, אייער ב"ב, אייערע קינדער, אייער טאטע און מאמע. איר האט זיי נאכנישט ליב? דאן קריכט איר נאכנישט אויפ'ן לייטער.

דערפאר איז וויכטיג צו פארשטיין אז דאס איז אן אויסדרוקליכע תנאי. כדי צו קענען ליב האבן דעם באשעפער דארפט איר לערנען ליב צו האבן קודם די מענטשן וועמען עס איז די גרינגסטע ליב צו האבן, און דאן קענט איר ליב האבן דעם אויבערשטן.

## פראגע

### וואס איז געשען צו די פילע תלמידים פון אברהם אבינו? וואו זענען זיי יעצט?

## ענטפער:

**און** דער ענטפער איז: זיי האבן **געלעבט מיט הצלחה**, און פאר א שטיק צייט זענען אויך זייערע קינדער געגאנגען אין זייערע פוסטריט, אבער **ווענטועל** זענען זיי פארפאלן געגאנגען און זיי זענען מער-ווייניגער פארלוירן געגאנגען, אבער נישט אינגאנצן. אביסל פון זייער השפעה האט אריינגעדרינגען צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אבער די ריכטיגע דערגרייכונג פון אברהם אבינו האט גערועט אויף זיינע דורות.

**"כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'"** (בראשית יח, יט). זיינע קינדער זענען די וועלכע גייען ערפילן אלע זיינע געוואלדיגע פרינציפן, ווייל טאמער מען איז נישט **פאראייניגט** מיט א געוויסע פארבינדונג אינאיינעם מיט די יראי ה', דאן פריער אדער שפעטער, וועט עס פארפאלן גיין, צי אין איין דור אדער צוויי דורות, אבער עס גייט צום סוף פארלוירן ווערן. און טאקע דערפאר איז אזוי וויכטיג פאר יעדן איינעם זיך צו אידענטיפיצירן מיט א גרעסערן ציבור פון שומרי תורה ומצוות.

יענע מענטשן זענען נישט געווען אין די בריתו של אברהם אבינו, און זיי זענען נישט געווען אין זיין משפחה, און צו זיין סתם אן אוממאפהענגיגער נאכפאלגער, א שוואכער חסיד, מיינט אז מען איז נישט גאראנטירט קעגן פארלוירן גיין.

יעצט איך בין זיכער אז זיינע תלמידים זענען אריינגעגאנגען אין עולם הבא. ער האט געהאט אסאך תלמידים, חסידי אומות העולם וועלכע האבן זוכה געווען צו עולם הבא, אבער עס האט נישט אנגעהאלטן און זייערע קינדער זענען צוריקגעווארן עובדי עבודה זרה.

מען זעט אז אפילו אין חרן פון וואו תרח איז געקומען און אברהם'ס פאמיליע איז דארט געבליבן וואוינען איז געווען עבודה זרה. נחור (אברהם'ס ברודער) האט שוין געהאט געטשקעס, ווי עס שטייט **"אלהי נחור"** (בראשית לא, נג). יעצט אברהם האט מגייר געווען מענטשן. צי מיינט איר אז ער האט פארנאכלעסיגט זיין אייגענע משפחה? עס איז זיכער אז אברהם האט מגייר געווען זיין אייגענע משפחה. ס'איז זיכער אז תרח איז נשפע געווארן פון אברהם, ווייל אברהם וואלט ווען אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות אין זיינע נענטסטע קרובים.

אבער נאך א שטיק צייט, נאכדעם וואס אברהם האט זיי איבערגעלאזט, האבן זיי אנגעהויבן זיך צו צעברעקלען, ווייל אויב מען באלאנגט נישט צו א קערפערשאפט פון אסאך מענטשן וועלכע זענען נאכפאלגער פון די געדאנקען, מען איז סתם פרייע אנהענגער פון א געוויסע שיטה, איז די טבע אז מען פאלט אוועק און מען גייט פארלוירן. און דאס איז וואס עס האט פאסירט צו זיי אלע מיט די צייט. (#384)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
להי"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
להי"ק אידיש
$4.00
מַרְגָּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**